הכנסת אורחים לודמיר

# לודמיר

געקליבענע עובדות און געדאנקען ממשנתו פון דעם הייליגן צדיק
רבי שלמה קארלינער זי"ע

אן אייביגע קשר צום צדיק

פרשיות
משפטים – תרומה
תשפ"ה

גליון 3


## דער קארלינער פלאם

### די לעבנסגעשיכטע און נקודות פון הייליגן צדיק רבי שלמה קארלינער זי"ע

אין דעם לעצטער גליון זענען מיר שטיין געבליבן דערציילנדיג ווי אזוי רביה"ק זי"ע איז נתקרב געווארן לחסידות.

דארטן האבן מיר געשילדערט די גירסא אז רביה"ק איז בימים ההם געווען א ראש הישיבה און האט געגעבן שיעורים פאר די בחורים פון די שטאט.

בימים ההם איז געווען זייער מצוי אז מגידים גייען ארום געבן דרשות, יעדע פאר טאג איז א פרישער מגיד געקומען אין די שטאט און געגעבן א דרשה.

אזוי ווי עס איז אויך געווען אסאך מגידים וואס זענען נישט געווען ערליך, האט רביה"ק אנגעזאגט פאר זיינע תלמידים אז זיי זאלן נישט גיין צו קיין שום דרשה פון א מגיד אן זיין ערלויבעניש.

אין יענער צייט איז רבי אהרן הגדול מקארלין אנגעקומען אין די שטאט. א חלק פון די תלמידים הערנדיג איבער זיין גרויסן כח פון דרשות האבן זיך ארויסגעכאפט פון די ישיבה און זענען יא געגאנגען צו די דרשה.

נאך די דרשה האבן זיי זיך צוריקגעקערט צו זייער רביה"ק אין די ישיבה. ווען רביה"ק האט זיי געפרעגט איבער די דרשה האבן זיי דערציילט בהתלהבות איבער די דרשה, ווי אזוי עס איז געווען אן אז די דרשה האט מעורר געווען דעם גאנצן ציבור.

הערנדיג דאס איז רביה"ק געווארן זייער באגייסטערט פון דעם און אנגעזאגט זיינע תלמידים אז נעקסטער מאל ווען ער קומט אין שטאט אריין זאל מען אים מודיע זיין אז ער איז דא, ער וויל אים גיין הערן.

א שטיק צייט שפעטער איז הרה"ק רבי אהרן הגדול נאך אמאל געקומען אין די שטאט. עס איז ארויס א ידיעה אז ער גייט געבן א דרשה, דאסמאל האבן די תלמידים מודיע געווען פאר רביה"ק אז דער זעלבער מגיד איז נאכאמאל דא אין די שטאט און אז זיי ווילן גיין.

ביי יענע דרשה איז רביה"ק געגאנגען און מיטגעהאלטן די דרשה.

דרכו בקודש פון הרה"ק רבי אהרן הגדול איז געווען צו רעדן מיט א גרויסע התלהבות, מיט א ברען, אז אלעמענס הערצער האבן מהרהר געווען בתשובה, יעדנס נשמה האט זיך דערוועקט.

אויך יענע דרשה איז געווען אויף דעם זעלבער שניט. עס איז געווען מיט'ן פולסטן ברען און אלע זענען נתעורר געווארן לתשובה.

א באזונדערע איינדרוק האט די דרשה איבערגעלאזט אויף רביה"ק זי"ע. ביי די דרשה האט רביה"ק געשפירט ווי דער רעדנער רעדט צו זיין נשמה, ער וואשט עס אויס, ער פולט עס אן מיט חיות, מיט א ברען.

מרן רביה"ק האט געשפירט אז דער איד וואס שטייט פאר אים פארמאגט הימלישע כוחות אבער ער איז נאך אלץ נישט געווען זיכער ווער ער איז און וואס זיינע מאטיוון זענען. וועלענדיג דערגיין מער אים האט ער אים געבעטן ער זאל אים לערנען פשט אין א שווערע שטיקל מהרש"א.

אויפ'ן ארט האט רבי אהרן הגדול צונומען די מהרש"א און אויסגעשמועסט אלע אירע צדדים אז די גאנצע סוגיא האט באקומען א ליכטיגקייט.

ווען רביה"ק האט דאס געזען איז ער ארויס פון התפעלות.

ווי אזוי לערנט מען זיך אויס צולערנען אזוי פשט אין מהרש"א? האט ער געוואלט וויסן.

"דאס לערנט מען זיך אויס אין מעזריטש". איז געקומען די תשובה פון רבי אהרן הגדול.

רבי אהרן הגדול האט גלייך געשפירט אז אים האט זיין רבי געמיינט זאגנדיג אז עס באהאלט זיך אן אור אין די ליטע. נישט וועלענדיג אז דער פונק זאל זיך פארלעשן האט ער אים אנגעהויבן צורעדן אז ער זאל פארן קיין מעזריטש.

"אבער ערשט וויל איך מאכן א גרויסע סעודה לכבודו פון אזא גאון וצדיק ווי איר". האט רביה"ק פארגעשלאגן.

רבי אהרן הגדול ציטערנדיג אז ביני לביני וועט זיך דער פייער פארלעשן און אז די ברען וועט אויסוועפן האט ער אים צוגערעדט אז ער זאל נישטווארטן קיין איין רגע, אז ער זאל זיך שוין יעצט ארויסלאזן אויפ'ן וועגן קיין מעזריטש.

און אזוי איז טאקע געווען.

גלייך, אן קיין צעגעריי, האט זיך רביה"ק אויפגעשטעלט און איז אריבערגעפארן קיין מעזריטש. פון יענער באזוך אין מעזריטש איז ער געווארן צוגעבינדן צו די דרך החסידות ווערנדיג שפעטער איינס פון די גרעסטע אורות וועלכע האבן באלאכטן דעם עולם החסידות אויף אייביג.

## צידה לדרך

### מכאן שניתנה רשות לרופא לרפאות / א קורצער געדאנק פון דעם הייליגן רבי'ן

אין ספר דברי שלום ארומרעדנדיג איבער דיש בחים פון זיין פאטער הה"צ מקודינאוו זצ"ל שרייבט ער אז סוף ימיו פון דער קודינאווער זצ"ל איז ער געווען זייער קראנק און זיך געמוטשעט מיט מורא'דיגע יסורים רח"ל.

ווען מען האט אים געפרעגט פארוואס ער וויל נישט גיין צום דאקטאר האט ער נאכגעזאגט בשם רביה"ק אז דער רבי האט געטייטש אז מען זאגט אין תהלים - ישלח דברו וירפאם וימלט משחיתותם.

דער פשוטער פשט איז אז הקב"ה זאל אויסהיילן דעם איד פון די משחיתים אבער עס קען זיין אז עס מיינט עס זאל זיין א הצלה פון די משחיתים - די דאקטורים.

ער האט צוגעלייגט אז דער רוקח שרייבט אז די כח הרפואה וואס מען האט געגעבן פאר די דאקטורים איז נאר בחיצונית נישט בפנימית.

## ווארט פון צדיקים

### איבער די ציון הק' / בחיים חיותו

פון די צדיקים וואס זענען פאר'ן קריג אין לודמיר און זיך משתטח געווען על ציוני הק' פון רביה"ק איז געווען דער ליבוואטישער רבי דער ריי"ץ זצוק"ל. אין א שילדערונג וואס ער שילדערט איבער זיין באזוך צייכענט ער צו די געוואלדיגע מורא וואס האט געהערשט אויפ'ן ארט און אז דער בעל התניא פלעגט יאר יערליך קומען צום ציון הק'.






על הציון של הקדוש הזה, הוא ממש כמו שעומדים לפניו בחיים חיותו.
(רבי אשר מסטאלין)

צדיקים פון די פריערדיגע דורות האבן מעיד געווען:
אז רבי שלמה בן יוטא קען מבטל זיין אלע גזירות קשות ורעות

דארפט איר א ישועה?
ווילט איר שפירן ווי איר שטייט בצילו פון א צדיק אמת כמו בחיים חיותו?

קומט קיין לודמיר צום ציון
פון קודש הקדשים
רבי שלמה קארלינער זי"ע

בזכותיה דרבי שלמה בן יוטא ענני

פאר פרטים פון דעם הכנסת אורחים אין לודמיר
רופט: +972-5435-660

# אפשר דאך

א מורא'דיגע מעשה ווערט דערציילט איבער רביה"ק איבער די כח פון איין ווארט פון רביה"ק זי"ע.

ומעשה שהיה אז בימים ההם איז דער היינטיגער רוסלאנד און אוקראיינע געווען אונטערטעניגט אונטער'ן רוסישן צאר. עס איז געווען אין יענע יארן ווען רוסלאנד האט געזוכט זיך אהערצושטעלן און פאראויס רוקן איר לאנד און עס איז ארויס פלענער צו בויען א באן וועלכער וועט זיך שלענגלען לענגאויס רוסלאנד פון איין זייט צו די צווייטע.

קאפ און מח האבן די רוסן אריינגעלייגט אויסצושטעלן די באן שינעס. אין יעדער שטאט האט מען געמאכט מאפעס, מען האט געצייכענט און געשריבן און געלאזט וויסן די ארטיגע באפעלקערונג ווער וועט זיך מוז'ן אפשיידן פון זיין הויז אדער פעלד'ל אז רוסלאנד זאל קענען פארמאגן א באן....

ווי אייביג אין רוסלאנד איז געווען דער צאר, די קעניגרייך, דער זארג פאר'ן ציוועלער בירגער איז געלעגן די לעצטע אין די רשימה, אויב עס האט בכלל עקזיסטירט אזא סעיף אבער ווען די באן שטריכן זענען אנגעקומען צו די שטאט האדיטש איז געווארן חושך אפילה אין האדיטש.

האדיטש! ווער האט נאכנישט געהערט פון די שטעטל? עס איז א פיצעלע שטעטעל. די ארטיגע אידישע קהילה איז געווען זייער קליין אבער זי האט פארמאגט איין רכוש, אין די שטאט ליגט באגראבן דער הייליגער צדיק דער בעל התניא זצוק"ל, דער גרינדער פון די בארימטע ליבאוויטשער דינאסטיע.

ווי עס איז גוט באקאנט איז דער בעל התניא נסתלק געווארן ווען ער איז געווען אונטערוועגנס אנטלויפנדיג פון נאפאליאן וועלכער האט געהאלטן אינמיטן איינגעמען רוסלאנד און ליגט באגראבן אין די שטאט.

אין האדיטש האט עקזיסטירט א קליינע אידישע קהילה פון ליבאוויטשער חסידים און דא! ווען רוסלאנד האט געמאלדן אז זי גייט בויען א באן האט זי עס באשטימט געגנוי אויפ'ן ארט וואו עס ליגט דער ציון הק' פון דער הייליגער בעל התניא, פונקט אויפ'ן ציון.

און די חסידים האבן זיך פארקלאפט די האנט מיט צער! דער רבי'נס קבר איז אין א צרה!

וואס טוט מען דא? מען איז געזעסן מיטונגען און מען האט מברר געווען ווער איז דער אדרעס און צו וועמען מען רעדן און וועמען מען דארף שמירן די רעדער.... אולי ואולי וועט מען מצליח זיין.

ביי איינער פון זיצונגען איז אנטדעקט געווארן אז דער מיניסטער וואס איז געשטעלט געווארן אויף די בוי פלענער אין דער הויפטשטאט פון רוסלאנד איז גאר א איד.

"א איד?".

די חסידים האבן אנגעהויבן טון דערוועגן. מען האט צוזאמענגעשטעלט א דעלעגאציע פון חשובע אידן וועלכער זאלן אהינגיין און אויס'פועל'ן ביי דער מיניסטער ער זאל מסכים זיין צו טוישן די מאפע און אוועקרוקן די מאפע פון דער קבר אז דער הייליגער ציון זאל בלייבן גאנץ.

נאך שווערע באמיהונגען און לייסטונגען און אסאך גרויסע געלטער פון שמירן האט מען זיך געטראפן זיצן ביי די מיניסטער.

"מיר וויסן דאך אז איר זענט א איד!". האבן די דעלעגאציע מיטגלידער געזאגט פאר'ן רוסישן פארגרעבטן מיניסטער און זיך אריינגעלאזט אין א שטיקל שמועס צו ערקלערן וואס אזאנס איז דאס א רבי.

"איר זאגט מיר ווער עס איז א רבי....". האט דער איד פראטעסטירט.

"לאמיר ענק דערציילן ווער עס איז א רבי...".

און דער איד האט אנגעהויבן צו דערציילן.

"ענק קוקן מיר אן אזוי! איך זעה אויס ווי אן עכטער גוי! אבער ווען ענק וואלטן מיר באגעגענט מיט פופציג יאר צוריק וואלט איר מיר געזען מיט קליינע פיאה'לעך, א קאפל אויפ'ן קאפ, א דאשיק, איך קום פון א חסידישער שטוב, מיינע עלטערן זענען געווען פלאמעדיגע קארלינער חסידים, זייער מקורב ביים הייליגן צדיק הרה"ק ר' שלמה קארלינער זצוק"ל".

זיי זענען געווען פלאמעדיגע חסידים אבער איך! אין מיר האט דער יצר הרע געקאכט. ער האט מיר צוגערעדט מיט די הילף פון שלעכטע חברים אז איך זאל אלעס אפלאזן און ווערן פריי.

עס איז נישט געגאנגען אין איין טאג. ערשט האב איך נאכגעלאזט אין די מצוה'ס, אין לייגן תפילין און שפעטער בין איך שוין געווען א מחלל שבת און אפגעשניטן די פיאות און אין א געוויסער שטאפל האב איך איינגעמאלדן פאר מיינע עלטערן אז איך וויל אריינגיין דינען אין די רוסישע מיליטער.

און מיינע עלטערן האבן געוואוסט דער סוד! מיליטער מיינט נישט בלויז מיליטער! מיליטער מיינט ווערן א גוי גמור! דער מיליטער איז אויסגעשטעלט אזוי אז ווער עס גייט אריין דארט פאלירט דער לעצטער ברעקעלע אידישקייט וואס ער האט נאך געהאט און מיין טאטע האט נישט געוואלט הערן פון דעם.

טאג און נאכט האט ער פארגאסן טרערן אז איך זאל נאך תשובה טון און צוריקווערן א איד און דא זעט ער דער סוף פאר זיינע אויגן. ער האט זיך אנגעהויבן איינבעטן ביי מיר אז טראץ וואס ער ווייסט אז כ'גיי נישט צוריק ווערן ערליך זאל איך אים צוליב טון מיט איין זאך.

"נאר איינמאל קום מיט מיר צום רבי'ן..... מער ווי דעם בעט איך דיר נישט.....".

איך האב ליב געהאט מיינע עלטערן און איך האב אים באשלאסן אז איך גיי עס זיי נאכגעבן אבער דער צייט איז געווען ענג. איך האב געהאט אן אפויטמענט אין די לאקאלע מיליטערישע הויפטקווארטיר און איך האב געזאגט פאר מיין טאטע אז אויב מען קען זיין דארט ביז מארגן אינדערפרי צען אזייגער בין איך מסכים.

מיין טאטע האט נישט פארלוירן קיין צייט. עס איז געווען פארנאכטס. מען האט איינגעשפאנט די פערד און די וואגן און זיך ארויסגעלאזט אין וועג אריין קיין לודמיר וואו עס האט געוואוינט דער הייליגער צדיק רבי שלמה קארלינער זצוק"ל.

די רייזע האט געדויערט אגאנצער נאכט. קיין לודמיר זענען מיר אנגעקומען אין די פארטאגס שעה'ן און איך האב אונטערגעאיילט מיין טאטע אז ער זאל שוין אריינגיין צום רבי'ן ווייל צען אזייגער מוז איך זיך שטעלן.

מיין טאטע איז אריבער צום רבינ'ס שטוב. ער האט אנגעקלאפט און נאכ'ן דערציילן פאר די גבאי וואס דא גייט פאר האט מען אים אריינגעלאזט אינעווייניג. אנקומענדיג אין צימער האט דער טאטע פראבירט צו רעדן מיט'ן רבי'ן אבער דער הייליגער רבי שלמה קארלינער וואס איז כידוע געווען א שטיק פייער איז געווען זייער פאר'מוח'ט.

עס איז נישט געווען שייך צו רעדן צו אים! זיין פנים האט געברענגט! עס איז געווען קלאר אז עס נישט דא צו וועמען צו רעדן! איך האב געזאגט פאר מיין טאטע אז עס איז שפעט! מען דארף שוין גיין אבער מיין טאטע האט זיך געבעטן אז איך זאל אויסווארטן נאך אביסל.

איך האב געווארט אבער ווארטן האט אויך א גרעניץ.... און איך האב געזאגט פאר מיין טאטע אז דאס איז עס! איך גיי!

אין יענער מינוט האט זיך דער צדיק געגעבן א וועק אויף און האט זיך דערנענטערט צו מיר און מיר געגעבן א כאפ אן מיטביידע הענט און געטרייסלט מיט אלע כוחות ווען ער שרייט אויס די ווערטער....

"אפשר דאך... אפשר דאך.... אפשר דאך....".

דער מיניסטער האט זיך אויסגעדריידט צו די אידן און זיך אנגערופן.

"עס האט אים קיין סאך נישט געהאלפן. איך בין געגאנגען אין מיליטער און כ'האב עובר געווען אויף אלע עבירות שבתורה אבער איך האב נישט קיין טעם אין קיין שום עבירה. יעדער מאל! אבער יעדער מאל! ווען איך טוה אן עבירה הער איך נאכאמאל דער געשריי....

"אפשר דאך טוסטו תשובה..... און עס רויבט ביי מיר צו די מנוחה".

דער מיניסטער האט געהאט א בקשה.

"אויב איר קענט ארויסנעמען פון מיר דער אפשר דאך.... טויש איך שוין די פלענער און כ'רוק אוועק די באן שינע פון דער ציון אין האדיטש....".

## מיין רייזע קיין לודמיר

### קרישעלעך פון א געהויבענע נסיעה קיין לודמיר

נאך זייענדיג אויפ'ן וועג קיין לודמיר האבן מיר געגריבעלט ארום די היסטאריע פון די שטאט זוכנדיג צו זיין מער באקאנט מיט די שטאט און אירע געשעענישן.

פון די זאכן וואס איז ארויפגעקומען אויפ'ן האריזאנט איז אז די שטאט איז פארצייטנס געווען א וואוינארט פאר אסאך צדיקי אמת.

אין די פריערדיגע מאמר האבן מיר דערמאנט אז דער טורי זהב האט דארט געוואוינט און אויך געדינט דארט ברבנות פאר א תקופה.



מאפע פון בית-החיים אין לודמיר

ווי די חוקרים ווייזן איז דער טורי זהב געבוירן געווארן אין די שטאט לודמיר. עס איז מקובל אז אין דער גרויסער בית החיים פון לודמיר וועלכער איז היינט ליידער חרוב ונחרב ליגט אויך דער טאטע פון דער טורי זהב רבי שמואל הלוי סג"ל און אויך דער זיידע פון דער טורי זהב רבי יצחק ר' בצלאל'ס.

ווען מען באזוכט היינט אין דער בית החיים באגעגענט מען זיך מיט א וויסטער און א ליידיגער שטח.

די שטח ארום דער אוהל דינט אלץ א שטאטישע פארק וואו די גוים קומען באזוכן. די אידן וועלכע קומען אהין באזוכן וואונדערן זיך ווי אזוי קען זיין אז אינמיטן א פארק שטייט אן איינזאמער אוהל אבער דער אמת איז ממש נישט אזוי.

דער ווייטאגליכער אמת איז אז דער גאנצער שטח איז אמאל געווען דער בית החיים פון די שטאט. אין איר האבן זיך אויך געפינען עטליכע אהלים אבער ליידער איז היינט נישט דא קיין זכר פון דעם.

אויך דער אוהל פון רבי שלמה קארלינער זי"ע איז צוריקגעבויט געווארן נאך די קריג ווען אידן האבן געקענט אנקומען אהין.

דער מקום איז א הייליגער ארט. עס ליגט אין איר אסאך צדיקים וגדולים אבער ליידער האבן די רשעים אלעס אויסגעריסן אז מען דערקענט מער נישט פון איר גארנישט.